מכון טעמו וראו
גילוי רצון ה' למעשה

# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן
פון בארימטן משפיע הרה״ח רבי דוד אייזנבאך שליט״א

גיליון ס״ז - פר׳ ויצא תשפ״א

## כלל ישראל, איין פאלק, אבער נישט איין משפחה

מיר שטיין אין פרשת ויצא, איינע פון די שיינע זאכן וואס מיר זעהן אין פרשת ויצא, איז אן אינטערעסאנטע זאך - ס'הייבט זיך אן צו בויען כלל ישראל - אברהם אבינו האט געהאט יצחק, יצחק האט געהאט יעקב, און יעקב הייבט אן אוועק צו שטעלן כלל ישראל, א פאלק, א אידישער פאלק.

אבער, ס'איז דא א שטיקל שווערקייט וואס טוט זיך דא? ס'איז נישט איין גרויסע משפחה, ניין, מ'ציטיילט דאס, ס'ווערט שבטים. 21 שבטים, צוטיילט, און שפעטער פאר זיי גייען אריין אין ארץ ישראל' שטייט ביי בלעם "וירא את ישראל שוכן לשבטיו" -. יעדער איינער, צוטיילט. וואס איז נישט גוט ס'זאל בלייבן איין גרויסע משפחה?, און ס'הייבט זיך אן זיך צוטיילן אויף שבטים, און יעדער איינער דארף געהערן צו זיין שבט, און שפעטער ווערט מען זעהן די גאנצע מעשה פון די דגלים אין די מדבר, מיט די אלע כוונות, און אויך אין מצרים האט שוין לוי געהאט אן אנדערע זאך אן אנדערע מעמד, און יעדער שבט האט געהאט זיין אייגענעם דארכגאנג בשעת אריבער גיין דעם ים סוף, און אלע כוונות פון די דגלים וואס איז געווען - וואס איז שלעכט אחדות? איין גרויסע משפחה, דאס איז די שענסטע און די בעסטע?!

### "וירא את ישראל שוכן לשבטיו"

נאר, דאס איז די געדאנק וויאזוי כלל ישראל איז געבויט 'לשבטיו' - אז טאקע ריכטיג, ס'איז איין פאלק און זיי האבן די זעלבע מצוות. ס'איז איין תורה און איין יסוד! אבער אזוי ווי כהנים האבן נאך מצוות, אזוי אויך יעדער חלק פון כלל ישראל, יעדער האט זיך זיין תפקיד,

מ'וועט ברענגען א דוגמא וועט מען דאס גוט פארשטיין: כלל ישראל איז ווי א ספר תורה. ישראל איז ראשי תיבות - **יש ש**ישים **ר**יבוא **א**ותיות **ל**תורה - יעדער איינער איז ווי א אות. און טאמער אין א ספר תורה וועט ח"ו פעלן איין אות - איז דער ספר תורה פסול! יעדער איד איז א גרויסער חשבון אין דעם גאנצע כלל ישראל, און ס'איז א חטיבה אחת.

### יעדער אות מוז זיין 'מוקף גויל'

אבער, מיר טרעפן ביי דעם, אויכעט א פארקערטע נקודה: אז טאמער איין אות וועט אנרירן דעם צווייטן, ס'וועט נישט זיין 'מוקף גויל', ס'וועט נישט זיין ארום דעם אות פארמעט איז דער ספר תורה פסול! - וואס איז? ס'איז שוין געווארן צי נאנט איינער מיטן דעם צווייטן, יעדער איינער דארף זיין אויף זיין פלאץ, און אויף זיין ארט, דעמאלץ איז דאס א כשר'ע ספר תורה.

די הגדרה איז - ריכטיג, מיר זענען איין פאלק, מיר האבן דעם זעלבן 'שבת'. אבער יעדער איינער מיט זיין פעולה, מיט זיין מעשה וואס ער דארף טועהן אויף די וועלט, און יעדער איינער מיט זיין תיקון וואס ער דארף טועהן אויף די וועלט. נישט דא איין איד וואס האט דעם זעלבן תיקון ווי די צווייטער איד! נישט דא אזא זאך! יעדער איינער פאר זיך אליין, זיין עבודת ה'.

### די נקודה פון די שבטים, עד היום הזה,

מיר זעהן דער נקודה, עד היום הזה, פון די שבטים, ווי כלל ישראל טוט זיך צוטיילן: אונז זעהן אן אינטערעסאנטע זאך ווי דער אויבערשטער פירט די וועלט. קהילות, קהילות ישראל, דרכי לימוד, דרכי עבודה - אין די גאנצע וועלט, צו אין די אשכנזי'שע וועלט, צו אין די ספרדי'שע וועלט.

מ'וועט ברענגען א דוגמא וואס אלע ווייסן: ס'איז דא פלעצער וואס מ'האט אריינגעלייגט אסאך כוחות אין תורה - און דאס איז געווען דער עיקר, מ'האט טאקע אלץ געטועהן, אבער די עיקר כוחות איז געווען אין תורה. ס'איז געווען פלעצער וואס די עיקר כוחות האט מען געלייגט אין תפילה, ס'איז געווען פלעצער אין עבודות ויגיעות, ס'איז געווען פלעצער וואס הלכה איז געווען דער יסוד. ס'איז געווען חסידות'ן וואס ארום שבת קודש האט זיך געדרייט דעם גאנצע לעבן, ס'איז געווען פלעצער פון מוסר...

### דרכי הלימוד
### - האט אויך יעדער זיין מהלך

און אויך אין דרכי לימוד התורה - אין די זעלבע ספר תורה וואס אונז רעדן יעצט - איז געווען דער אונגארי'שע גאנג, גאליציא'נער גאנג, דער פוילישע סדר הלימוד. אפילו אין די ליטווישע וועלט - איז געווען דער בריסק'ער סדר הלימוד, חזון איש, טלז, ר' שמעון שקאפ - איז יעדער איינער האט זיין סארט מהלך ווי אזוי צו זיין דבוק צום אויבערשט'ן.

אבער, צו דאס א פארשטיין, אין א צורה גשמית מאוד, איז דא אזא זאך וואס רופט זיך א 'פאזעל' - א 'פאזעל' איז געבויט פון שטיקלעך, און יעדע שטיקל איז משלים דעם גאנצע 'פאזעל', און יעדער שטיקל קוקט אויס אנדערש, און אויף יעדע שטיקל פון דעם 'פאזעל' איז דא אן אנדערע בילד, אן אנדערע נקודה. אבער פון אלע צוזאמען ווערט איין גרויסע בילד.

### "תתן אמת ליעקב"

יעקב אבינו, "תתן אמת ליעקב", אין דעם אמת פון יעקב איז דא א מוירעדיגע זאך - ס'איז דא א שלימות. אמת איז א מוירעדיגע שלימות - ס'איז א תפארת. ס'איז צוזאמגעשטעלט פון חסד וגבורה און צוזאמען איז דאס א תפארת.

ער האט א מוירעדיגע זאך - שלימות, אמת, דער אויבערשטער ווערט נתגלה דארך

עם, כלל ישראל ווערט גרויס. אבער, יעדער איינער דארף וויסן "שוכן לשבטיו" איך דארף טועהן מיין חלק, מיין עבודה, מיין נקודה אין כלל ישראל - דאס דארף איך טועהן.

און טאמער ס'איז נישט גענוג, דארף איך זיין שטארק אין דעם און קלאר - יא, דאס איז מיין נקודת עבודה, דא לערן איך און מיט דעם בין איך מגלה דעם אויבערשטער. און ס'נעמט נישט אראפ גארנישט פון דעם צווייטנ'ס עבודה. ס'האט נישט קיין פלאץ צו אראפקוקן 'אוי, יענער האט נישט די שלימות' - ער איז א צווייטער שבט, ער איז א צווייטער אות אין די ספר תורה, ער איז א צווייטער תיקון...

### "אל תדון את חברך"

ממילא, האב איך נישט וואס צו קוקן אויף דעם צווייטן, זאגן אז יענער איז נישט גוט. סיי, דו פארשטייסט בכלל נישט יענעם, דו ביסט נישט אין יענעמ'ס מצב. אזוי ווי "אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו", דאס איז אויכעט א בחינת "אל תדון את חברך". מ'רעדט נישט דא אויף "הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליך חטא" - דעם דאורייתא. מ'רעדט דא נישט אויב ער דינט יא גוט דעם אויבערשט'ן אדער נישט גוט דעם אויבערשטן... דאס איז נישט מיין עבודה! איך בין נישט געקומען זאגן פאר א צווייטן.

מ'מעג אמאל זאגן פאר יענעם: 'אז דו וועסט טועהן די און די זאך, וועט דיר זיין גישמאקער אין דינען דעם אויבערשט'ן'. אבער צו קומען צי א מסקנה 'יענער דינט נישט דעם אויבערשט'ן, פארוואס? ווייל ער מאכט נישט ווי מיר?!' - דאס איז נישט ריכטיג, ווייל דו ביסט געקומען טועהן **דיין חלק** אין עבודה, און זיין שטארק אין דעם. און יענער טאמער ער טוט **זיין חלק**, אין זיין פלאץ, אין זיין זאך - האט ער נישט ווינציגער דבקות ווי דיר... סיי דו פארשטייסט עהם יא און סיי דו פארשטייסט עהם נישט, און ממילא דו דארף עהם נישט זאגן.

### וואס אונז לערנען ארויס פון די פרשה

קומט ארויס למעשה, ווען א איד הייבט אן זעהן - ווי מ'זעהט דא אין פרשת ויצא ווי דעם בוים הייבט אן וואקסן, כלל ישראל הייבט אן צו וואקסן, און יעקב אבינו קומט, און ער צוטיילט דאס אויף שבטים. ווען ער צוטיילט אויף שבטים, וואס אונז לערנען ארויס פון די פרשה, און אונז גלייבן אין די נקודה: איז פשוט, כמשמעו, וויסן אז יעדער איינער זאל טועהן מיט א אחריות, זיין שבט, און זיין עבודה. אזוי ווי אונז טרעפן ביי יעקב אבינו ווען ער ווינטשט זיינער קינדער פאר ער גייט אוועק פון די וועלט - יעדער איינער האט זיין ברכה, און זיין תיקון. צי ס'איז יששכר, צי ס'איז זבולון, צי ס'איז יוסף - ס'איז דאך איין משפחה? יא, ס'איז איין גרויסע ספר תורה, אבער יעדער אות דארף האבן זיין "מוקף גויל", מיט זיין זאך, און ער טוט זיין שליחות. דער אות י' אין ספר תורה, קען נישט מאכן דעם תיקון פון אות ה'. און אות ה' קען נישט מתקן זיין פון אות ו'. קיין איין אות קען נישט מתקן זיין דעם צווייטער.

### דער תכלית-"לתקן עולם במלכות שד-י"

די זעלבע זאך, יעדער איד דארף וויסן און ארויס נעמען די נקודה: דער "לתקן עולם במלכות שד-י" - וואס אויף דעם ארבעט מען, יעדער איינער אין זיין שבט. און דו פארשטייסט מיטאמאל נישט דעם צווייטן. ריר נישט אן דעם צווייטן, ווייל ווען צוויי אותיות רירן זיך אן ווערט פסול דער ספר תורה!

א וודאי, "כלל ישראל ערבים זה לזה" איינער העלפט דעם צווייטן, אלעס גוט און פיין. נישט קריקיטירן, נישט זעהן דעם חסרון פון צווייטן, נישט זיכן בכלל צו יענעמ'ס אויסגלייכן - דאס איז נישט דיין תפקיד, דיין תפקיד איז צו טועהן דיין שליחות. און ווען יעדער איינער וועט טועהן זיין שליחות - איז דעמאלץ דער ספר תורה באמת כשר! און דעמאלץ "וירא ישראל שוכן לשבטיו" די גאנצע כוונה פון די שבטים, מיט אלע דגלים, אלעמאל ווען מיר זעהן די גאנצע חלוקת הקהילות - איז נישט ח"ו אז דאס קומט פון א מקום פון מחלוקת. נאר ס'קומט פון א מקום וואס דער אויבערשטער האט געבויט כלל ישראל - ס'איז איין משפחה, איין פאלק. אבער ס'איז שבטים, ס'איז צוטיילט, יעדער איינער האט זיין שליחות.

**מיט וואס איך טוה בין איך מגלה דעם באשעפער אויף די וועלט**,

דער אויבערשטער זאל העלפן, אונז זאלן באמת לעבן אין די נקודה פון: די ערשטע זאך, און זיין שטארק אין די נקודה וואס מ'דארף טועהן. יעדער איינער זאל זיין שטארק אוו ער שטייט, צו ס'איז הלכה, אין יעדער זאך, אין די חלק עבודת ה', און אפילו אין די ארבעט א ויף די וועלט. א איד ווען ער גייט אמאל ארויס צום ארבעט, דארף ער זיין קלאר, 'דאס ארבעט איך, מיט דעם בין איך מגלה דעם אויבערשטער אויף די וועלט, מיט דעם בין איך מתקן דעם חטא פון אדם הראשון, מיט דעם גרייט איך צי דעם יחוד השלם פון "ועל כן נקווה לך ה' אלוקינו לראות מהרה בתפארת עוזך"'. א איד טוט יעדע זאך, אפילו אין פרנסה, אויף ארבעט. איז ער מתקן "עולם במלכות שד-י", מען גרייט צו צום תיקון השלם. 'אינטערעסירט מיר נישט וואס טוט זיך בארן צווייטן', און איך דארף נישט טועהן יענעמ'ס תיקון, איך דארף זיין שטארק אין דעם נקודת התיקון וואס איך בין געשיקט געווארן, און דאס אויסניצן ביזן סוף!

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, אונז זאלן לעבן ריכטיג אין די נקודה.

# כלל ישראל הייבט זיך אן בויען

אונז שטיין אין פרשת ויצא. אין פרשת ויצא איז דא א מוירעדיגע יסוד - וואס מיר לערנען פון יעקב אבינו, מ'האלט נאך פון אנהייב, כלל ישראל הייבט זיך אן בויען, מ'האלט נאך ביי די אבות הקדושים. ס'שיינט נאך נישט די אידישקייט אויף די וועלט. מ'האלט נאך אסאך פאר מתן תורה. מ'הייבט אן אראפברענגען, מגלה זיין דער אויבערשט'ן אויף די וועלט. און למעשה ביי יעקב אבינו הייבט דאס אן זיך צו פאברייטערן, ס'ווערט די שבטים, ס'ווערט צוטיילט. אזוי ווי מ'האט געזאגט א שיעור ווי דער ענין פון 'שוכן לשבטיו' יעדער איינער האט זיך זיין מעלה.

אבער, ס'איז דא דא נאך עפעס, מ'וועט א ביסל טראכטן: ווי גרויס, און ווי חשוב איז די נקודה וואס יעקב אבינו האט אראפגעברענגט דעם אויבערשטן. אויף די וועלט - אין דעם עולם העשיה,

יעקב אבינו האט געהאט באמת אסאך זכותים א זכות פון לערנען תורה ער איז געווען דער 'יושב אוהלים' אין בית המדרש פון שם ועבר, א זכות וואס ער האט 02 יאר געארבעט בבית לבן באמונה, מיט א נאמנות. אין די צייט וואס זיין שווער האט עם פשוט אויסגעשפילט נאכאנאנד, און ער איז ווייטער געווען 'יעקב איש תם', מיט א נאמנות, מיט א גלאטקייט, ער האט געהאט אסאך זכותים.

### *דברים גשמיים, טוען מיט די וועלט - איז אויך עבודת ה'!*

אבער, ס'איז ידוע דער מדרש אין איכה, (דאכט זיך מיר א מדרש אדער א זוה"ק,) אז ווען ער האט געדארפט מלמד זכות זיין אויף די אידן. איז אברהם אבינו האט מלמד זכות געווען מיט זיין נקודה, און יצחק מיט זיין מסירות נפש, יעקב אבינו - וואס נעמט ער ארויס מלמד זכות זיין אויף כלל ישראל? וועלכעס זכות געבט ער פאר כלל ישראל? אז ער איז געווען מטופל מיט די קינדער. וואס איז די גרויסקייט?! נאר, די זאך איז זייער גישמאק - ער האט אראפגעברענגט **אויף די וועלט**, און **אין די וועלט**, אז דאס טועהן דברים גשמיים, זיך פארען מיט די וועלט - איז א גרויסע זאך! און דאס איז ממש עבודת ה'! און דאס איז נישט ווינציגער ווי זיין לערנען ביי שם ועבר, און זיינע נאמנות ביי לבן.

### *דער חסד וואס הייסט ערציען קינדער*

מ'וועט רעדן אביסל אויף דער ענין, וואס הייסט ערציען קינדער. מיר טרעפן א גמרא "עושה צדקה בכל עת, זה הזן אשתו ובניו". דער טבע פון א מענטש איז צו וועלן טועהן חסד -ער קען מאכן מיט א ארעמאן, מיט א פרעמדער. אבער מיט איינעם וואס ער שפירט אז ער איז זיין קרוב, און ער ווערט עם מחויב, איז אסאך אסאך שווערער אסאך מאל צו טועהן חסד ווייל איך בין עם מחויב, ס'איז שוין אן אנדערע זאך.

### *חסד אין שטוב - דארט הייבט זיך אן אלעס*

אבער באמת, ס'איז ידוע פון אר"י הק' אז חסד אין שטוב - דארט הייבט זיך אן אלעס. און איינע פון די זאכן וואס דער יצה"ר פארלייגט זיך אויף אונז, אונז זאלן נישט צוקומען צו די נקודה, ממילא: יעדן מענטש, ווערט עם אפשטעלן, און געבן א פרעג 'ווען דינט ער דעם אויבערשט'ן? וועט ער זאגן: ווען ער לערנט, ווען ער דאווענט, ווען ער טוט מצוות! אבער האדעווען קינדער, זיך פארען אין שטוב, זיין מאכן, ארבעטן אין שטוב - שפירט ער, אז דאס איז א ירידה, ס'איז נישט קיין עבודת ה'.

און באמת, יעקב אבינו האט אונז ארויסגעלערנט און אריינגעגעבן, אז האדעווען קינדער, בויען א אידישע שטוב - דאס איז עבודת ה'. אז לערנען, דאס הייסט חשוב, דאס איז א מוירעדיגע זאך - א וודאי לערנען תורה, איז "תלמוד תורה כנגד כולם". אפילו, אבער חלילה צו אונטערשעצן די ארבייט פון האדעווען און אויפבויען כלל ישראל, נישט דאס אנקוקן - אז דאס איז א בדיעבד'יגע זאך. א וודאי ווען א מענטש קען לערנען, זאל ער לערנען, אבער ס'איז נישט קיין דיעבד! דער אינטערשעצן. יעקב אבינו שטייט בשעת ווען מ'גייט ארויס צום גלות, און ער זאגט: 'איך האב א זכות פאר כלל ישראל'. דער זכות איז - נישט איך האב געלערנט ביי שם ועבר, נישט ביי לבן בין איך געווען גלייך. נאר דער זכות איז אז איך האב זיך געפארעט צו בויען כלל ישראל!

א איד קומט אהיים, און דא דארף ער אויסהערן א קינד וואס וויינט, און דא דארף ער העלפן דאס און יענס - ס'איז נישט קיין דיעבד'יגע זאך! דאס איז עבודת ה', און דאס איז דער לכתחילה, און דאס איז דער "לעשות נחת רוח לבורא יתברך שמו".

### *ארויס שיקן קינדער אין חיידר - איז נישט צער גידול בנים,*

ס'איז געווען אמאל א מעשה, א שיינע מעשה, אין מיר'ער ישיבה איז א יונגערמאן געקומען שפעט, און ר' חיים שמואלביץ איז געוועןן דארט. האט ער געפרעגט פאר דער יונגערמאן 'פארוואס ביסטו געקומען שפעט?' האט ער געזאגט: 'וואס זאל איך טועהן? מיין בני בית שפירט זיך נישט גוט, איך האב געדארפט ארויסשיקן היינט די קינדער אין חיידער, בין איך געבליבן'. און דער יונגערמאן האט געגעבן א קרעכץ און געזאגט: 'וואס זאל מען טועהן, צער גידול בנים'. האט עם ר' חיים שמואלביץ אנגעשריגן, און ער האט עם געזאגט: 'צער גידול בנים?! מ'טאהר נישט זאגן אזעלכע ווערטער, דאס איז גידול בנים! דער אויבערשטער זאל אונז אפהיטן פון דעם מושג 'צער גידול בנים'. א איד וואס שיקט ארויס קינדער אין חיידר - איז צער גידול בנים?! ס'איז נישט קיין צער! ס'איז גידול בנים'.

מ'איז מגדל קינדער פארן אויבערשט'ן. דאס איז בויען כלל ישראל. ווען אונז וואלטן געקענט יעצט בויען א משכן - וואלט מען געלאפן דאס טועהן. דאס מגדל זיין קינדער איז נישט ווינציגער ווי בויען א בית המקדש פארן אויבערשטן.

### *נקודה למעשה*

ממילא, וואס קומט ארויס פון דעם שמועס איז מוירעדיגע נקודה, וואס מ'דארף זיך אלעמאל שטארקן. אמאל א טאטע אין שטוב, אדער א מאמע אין שטוב, אדער אמאל א קינד - מ'איז מסביר פאר א קינד - דו העלפסט צו בויען א אידישע שטוב! לייגסט צו א האנט, ברענגסט השראת השכינה אויף די וועלט, מאכסט רצון ה', און דער אויבערשטער האט נחת רוח פון דעם. און נישט אינטערשעצן דער מושג פון בויען א אידישע שטוב.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, מ'זאל באמת לעבן אין די נקודה.

## חיזוק יומי / חודש כסליו

### *א צייט פון ניסים ונפלאות*

מיר שטיין אין די תקופה פון חודש כסליו. מ'וועט נעמען א נקודה: חודש כסליו איז א צייט וואס מ'טוט אין דעם ענין פון ניסים ונפלאות וואס דער אייבישטער האט געטועהן מיט אונז. מ'וועט אנרירן איין נקודה למעשה, ס'איז דא כל מיני זאכן ס'איז דא חסדים, מיט ניסים ונפלאות, וואס מיר לעבן מיט זיי ממש טאג טעגליך וואס מען דערמאנט דאס יעדן טאג ביים דאווענען, "על ניסיך שבכל יום עמנו ועל נפלאותיך וטובותיך שבכל עת".

### *"על ניסיך שבכל יום עמנו"*

קודם, פשוט פשט, וואס הייסט "על ניסיך שבכל יום עמנו", א מענטש זאל דאס פשוט פארשטיין: למשל מ'זאל צוגיין צו א מענטש און עם פרעגן: 'וואס איז געווען דעם פאראגאנגענעם דינסטאג?' וועט ער ענטפערן : וואס הייסט 'א פשוט'ע דינסטאג, ב"ה די קינדער זענען געגאנגען אין חיידר, אלץ האט געקלאפט - ס'איז נישט געווען עפעס עקסטער'. מ'וועט עם פרעגן: 'דו ווייסט וויפיל ניסים האט דער אייבישטער געטועהן? וויפיל זאכן האט דער אייבישטער געריקט אויף די וועלט כדי דער פשוט'ער טאג זאל זיין? ס'איז דאך נישט שייך אפילו צו דאס מסביר זיין, ווייל דער אמת איז אז דער מענטש האט ניסים נאכאנאנד, נאר ס'איז "ניסיך" - ניסים - וואס נאר דער אייבישטער ווייסט פון דעם.

### *בטבע שבאדם, א מענטש וויל זיין מסודר*

ס'איז דא א מוירעדיגער נס וואס פאסירט מיט יעדן מענטש וואס ער אליין כאפט נישט וואס פאר א גרויסע נס פאסירט מיט עם. בטבע שבאדם, א מענטש וויל זיין מסודר, האבן א פלאן, ער ווייסט וואס ס'טוט זיך, ער

ווייסט זיין סביבה. און אין די מינוט וואס ער גייט ארויס פון זיין סביבה און פון זיין פלאן - ווערט ער צומישט און ס'איז עם שווער.

לאמיר ברענגען א ביישפיל: א איד איז געפארן פון אמריקה אויף לונדון, און מ'האט עם געגעבן א לאז אראפ אין יאפאן, אויף א וואך צייט. אפילו ער האט געלט, אבער די עצם זאך אז ער איז אנגעקומען דארט אומגעראכטן און ער ווייסט נישט וואס טוט זיך ארום עם - איז ער צומישט. אזוי אויך א מענטש ווען ס'איז טונקל, שפירט זיך אזוי ווי א בלינדער וואס ער ווייסט נישט ווי צו גיין, דאס אליין געבט עם א פחד - ער ווייסט אז דער הימל גייט נישט אראפ פאלן, און א חיה גייט עם נישט געבן א ביס, אבער עס איז איהם זייער אומבאקוועם, עס ווערט אים שווער דאס גיין.

### *אמענטש זארגט זיך - מי יודע מה יולד יום*

א מענטש ווען ער ווייסט נישט זיין עתיד, קען ער נישט גיין. נאך מער, א מענטש איז זייער פארלוירן און האט אפילו מוירא פון אזא מצב, איינע פון די סיבות וואס ער איז זייער פארלוירן - איז, ווייל דעמאלץ טרעפט זיך די מענטש אורגינעל. א מענטש באמת באמת ווייסט אז ער קען גארנישט! ער האט א ביסל א ידיעה ווי אזוי צו שרייבן, ווי אזוי צו עסן, ווי אזוי צו לערנען - אבער, באמת האט ער נישט אייגענע כוחות. און די מינוט וואס ער טרעפט זיך אז ס'קלאפט נישט זיינע פלענער, ער געפינט זיך אין א פלאץ וואס איז א פרעמדע פלאץ - טרעפט ער זיך מיט זיין אורגינעלקייט - אז ער קען נישט! און פון דעם האט ער מורא. און דאס איז איינע פון די סיבות וואס א מענטש האט מורא אן צוקומען אין א פלאץ וואס ער קען נישט דעם ארום און ארום.

נאך מער, דער מענטש ביי זיך אינדערווייניג ווייסט, אז ער איז אלעמאל תלוי ב"מי שאמר והיה העולם" און ער האט דאס שוין הינדערטער מאלן געזעהן. וואלט דער מענטש געקענט רח"ל משוגע ווערן, פארוואס? ווייל ווען א מענטש ווייסט באמת נישט וואס גייט זיין די קומעדיגע מינוט, קען ער בכלל נישט לעבן. נאר איינער פון די גרויסע ניסים וואס דער אייבישטער טוט מיט דער מענטש - אז ער איז רוהיג. ער וואלט דאך געדארפט זיין א משוגענער ממש! דו ווייסט דאך נישט וואס גייט זיין דער קומעדיגער מינוט. האסט שוין טויזנט מאהל געזעהן אז דיין פלאן איז גארנישט. און בארן דאווענען זאגסטו אז אין יעדער ריר בין איך תלוי אין אויבערשט'ן - קומט אויס, אז דער מענטש וואלט געדארפט זיין א אומרוהיגער.

### *'א איד וואס איז א מאמין, איז מער רוהיג'*

דאס קען מען זאגן קלאר: 'א איד וואס איז א מאמין, איז ער רוהיג', ווייל ער פארלאזט זיך אויף דעם וואס פירט עם נאכאנאנד. אבער אפילו א איד וואס קאכט נישט אזוי שטארק אין אמונה, אין די בריאה. [לאמיר דאס אריינשטעלן אין די בריאה], נארמאל וואלט יעדער מענטש געדארפט האבן א פחד וואס גייט זיין דער קומעדיגער מינוט. מ'זאגט א ווערטל, אז איינע פון די סיבות פארוואס מ'האט אזוי מורא צו שטארבן, איז נישט ווייל מ'האט פראבירט אז שטארבן איז נישט גוט. נאר ער ווייסט נישט וואס גייט זיין נאכן שטארבן, האט ער מורא. ווייל ער ווייסט נישט וואס גייט דארטן זיין - דאס איז איינע פון די סיבות פארוואס מ'האט מורא פון שטארבן.

א מענטש האט מורא אז ער וועט קומען אין א מצב, אז ער וועט נישט ווייסן וואס טוט זיך וועט ער פארלירן דער קאנטראל. און ער וויל זיין א 'יש', ער וויל כסדר ווייסן וואס גייט זיין. איי, ער האט שוין טויזנט מאהל געלערנט אז ער ווייסט **נישט**. אף על פי כן, ער וויל זיין א 'יש', און ער וויל אז זיין 'ישות' זאל וואקסן און ער האט זיין פלאן.

### *נקודה למעשה*

מ'וועט צוגיין צו דעם נקודה למעשה, דער מענטש האט אין זיך א דמיון, און ער איז איינגירעדט אז ער איז שוין מסודר, און אלעס קלאפט - דער כח הדמיון וואס ער איז איינגערעדט, דאס איז א חסד וואס דער אייבערשטער האט געטועהן מיט עם, כדי ער זאל פשוט נישט משוגע ווערן.

### *"ועל נפלאותיך וטובותיך שבכל עת"*

באמת, איעדער איד בפנימיות פארלאזט זיך אויף דעם אויבערשט'ן. און נאר זיין אמונה אין בטחון דאס איז זיין כח וואס פירט איהם ווייטער. אבער אין די אלטוועלטליכער וועלט, אז די מענטשן דרייען זיך ארום רוהיג, דאס איז נישט מתוך "כוחי ועוצם ידי", נאר ווייל דער אייבישטער טוט א נס מיט די בריאה. "על ניסיך שבכל יום עמנו", מ'קען זאגן אפילו ווי מ'זאגט "ערב ובוקר וצהריים" - (נישט דאס איז די פשט אין סידור) אבער נאכאנאנד, אז דער מענטש דערהאלט זיך און ער ווערט נישט משוגע, און ער גלייבט נישט אין די חששות - דאס אליין איז "על ניסיך שבכל יום עמנו" אז ער עקזעסטירט ווייטער.

דער אייבישטער זאל אונז העלפן, אונז זאלן דאס נעמען פון דעם פלאץ וואס רופט זיך אמונה, בטחון - פון דעם פלאץ זאלן אונז שולט זיין, נישט פון עצמיות??, אדער ח"ו פון "כוחי ועוצם ידי". פארקערט, וויסן דעם 'יש המוחלט', וואס רופט זיך דעם אייבישטער - און דאס זאל אונז געבן די כוח פון די "ניסיך שבכל יום עמנו" און לעבן מיט דעם אייביג.


## טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**

**טל': 050-417-0448**

**א פרייליכע מעלדונג**

**די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:**

**ארץ ישראל - 02-5368970**

**ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488**

**הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן**

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

**שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1**